**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/21/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט גרויסע עררייכונג אין טראנספארמאטיווער LIVINGSTON AVENUE בריק ערזעצונג פראיעקט אין אלבאני און רענסעליער

***פראיעקט צו ערזעצן וויכטיגע פאסאנזשיר באן קראסינג מיט מאדערנע סטרוקטור וואס רעכנט אריין מיטגעטיילטע וועג פאר פיסגייער און ביציקליסטן פלאנירט צו אנהויבן די ארבעט אין 2023***

***געמאלטע בילדער צו זעהן [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א גרויסע עררייכונג אין דעם טראנספארמאטיוון פראיעקט צו ערזעצן די Livingston Avenue רעילראוד בריק אין אלבאני און רענסעליער. די פעדעראלע רעילראוד אדמיניסטראציע (Federal Railroad Administration, FRA) האט ארויסגעגעבן א "געפונס פון נישט-באדייטנדע השפעה" (Finding of No Significant Impact, FONSI), א וויכטיגע אנטוויקלונג וואס סיגנאלירט די ענדע פון דעם פארמאלן ענווייראמענטאלער איבערבליק פראצעדור און פלאסטערט אויס די וועג פאר די סטעיט'ס טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation, DOT) צו זיך פאראויס רוקן מיט די עמטליכע דעזיין פאר א נייע ערשט-קלאסיגע האדסאן ריווער קראסינג וואס וועט פארבעסערן צוטריט צו באן רייזעס אריבער די עמפייער ראיאן, בעסער דינענדיג די שיפן טראפיק און צושטעלנדיג גאר-נויטיגע צוטריט אריבער די האדסאן ריווער און די עמפייער סטעיט טרעיל פאר ביציקליסטן און פיסגייער. קאנסטרוקציע איז ערווארטעט זיך אנצוהויבן ביז סוף 2023.

"די פארעלטערטע Livingston Avenue בריק האט פאראורזאכט צרות פאר באן פאסאנזשירן אין ניו יארק און אריבער די גאנצע צפון-מזרח ראיאן פאר צו לאנג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ערזעצן די פארבלייבעניש פון די 19'טע יאר הונדערט איז א הויפט חלק פון אונזער איבערגעגעבנקייט צו מאדערניזירן ניו יארק'ס אינפראסטרוקטור, און איך וויל אויסלויבן די פעדעראלע רעילראוד אדמיניסטראציע פארן פארענדיגן די איבערבליק פון דעם פראיעקט שנעלערהייט — א זאך וואס וועט בענעפיטירן נישט נאר מענטשן וועלכע פארן אויף די רעלסן נאר אויך ביציקליסטן און פיסגייער."

ערזעצונג פון די Livingston Avenue בריק איז געווען צווישן די וויכטיגע פראיעקטן וועלכע זענען ציטירט געווארן דורך גאווערנער האקול אין די 2022 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע אלץ טייל פון אן אגרעסיווע אגענדע צו מאדערניזירן ניו יארק סטעיט'ס פארעלטערטע אינפראסטרוקטור צו בעסער פארבינדן קאמיוניטיס, שטופן פאר עקאנאמישע וואוקס און פארמערן שטאנדהאפטיגקייט. די 32.8 ביליאן דאלארדיגע DOT אינוועסטירונג פלאן וואס איז פארגעשלאגן געווארן דורך גאווערנער האקול און אנגענומען געווארן דורך די סטעיט לעגיסלאטור רעכנט אריין פינאנצירונג צו ערזעצן די עקזיסטירנדע בריק מיט א נייע, מאדערנע סטרוקטור וואס איז אומשטאנד צו אויסהאלטן שנעלער-פארנדע פאסאנזשיר באנען, שווערערע פראכט באנען, ים שיפן און ביציקל-פיסגייער צוטריט אריבער די האדסאן ריווער.

די ארויסגעגעבענע "געפונס פון נישט-באַדייטנדע השפעה" אדער FONSI דורך די FRA ברענגט צום שלוס דעם פעדעראַלן ענווייראַמענטאַלע איבערבליק פּראָצעדור, עס ערלויבט די סטעיט DOT צו אויך ענדיגן די איבערבליק וואס איז אנגעהויבן געווארן ווי פארלאנגט דורך ניו יארק סטעיט'ס ענווייראמענטאלע קוואליטעט איבערבליק געזעץ (Environmental Quality Review Act) און עס רוקט זיך פאראויס מיט עמטליכע דעזיין און קאנסטרוקציע. די DOT האט אפגעהאלטן ווירטועלע און פערזענליכע עפנטליכע געהערן אויף דעם פראיעקט דורכאויס פרילינג, און בערך 150 מענטשן האבן זיך באטייליגט. די ענווייראמענטאלע אפשאצונג פאר דעם פראיעקט איז פארעפנטליכט [דא](#).

דער Livingston Avenue רעילראוד בריק איז געבויט געווארן העכער די האדסאן ריווער אין די 19'טע יאר הונדערט. עס באהעפט רענעסעלער און אלבאני דורך רעילראוד און שטעלט צו א קריטיש-וויכטיגן וועג פאר פאסאזשיר רעילראוד סערוויס פון ניו יארק סיטי אויף מערב ניו יארק. די פארעלטערונג פון די יעצטיגע סטרוקטור, אין אייגנטום פון CSX און ארויסגעליעסט צו Amtrak, מאכט אז נאר איין באן זאל קענען אריבערפארן אויף איין מאל מיט א שנעלקייט פון 15 מ.פ.ש. די נייע בריק וועט אקאמאדירן פארבעסערטע פאסאנזשיר סערוויס און אין די זעלבע צייט פארבעסערן צוטריט צו די אלבאני און רענסעליער וואסער ברעגעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן אויףביידע זייטן פון די טייך. עס וועט אויך שאפן א נייע פארבינדונג צו די באקאנטע עמפייער סטעיט טרעיל וואס ציהט זיך פאר 750 מייל און לויפט פון ניו יארק סיטי דורך די האדסאן און שעמפלעין וואליס ביז קאנאדע, און פון אלבאני ביז באפעלאו לענגאויס די ערי קאנאל.

די יעצטיגע רוקעוודיגע סווינג בריק וועט ערזעצט ווערן מיט א נייע בריק וואס ווערט אויפגעהויבן וואס וועט ברענגען די סטרוקטור צו מאדערנע סטאנדארטן מיט די הייך, ברייט און שנעלקייט פאר פאסאנזשיר און פראכט באנען און מער פארלעסליכערהייט אקאמאדירנדיג די שיפן וואס פארן אריבער די האדסאן ריווער. די נייע בריק וועט זיין פלאצירט אויף די דרום זייט פון די עקזיסטירנדע בריק זיך ציהענדיג פאראלעל צו די אלטע, און עס וועט האבן צוויי באן רעלסן. די בעפארשטייענדע ארבעט אויף די רעלסן וועט אריינרעכענען פארבעסערונגען צו די דריי עקיגע צוזאמקום פון די באן רעלסן אויף די רענסעליער זייט צו ערמעגליכן פאר באנען זיך אויסצודרייען און צו איבערבויען און פונדאסניי אויסשטעלן די רעלסן בריקן העכער Water און Centre Streets אויף די אלבאני זייט. די נייע בריק וועט אויך אריינרעכענען א באזונדערע וועג פאר פיסגייער און ביציקליסטן פארבינדנדיג די אלבאני סקייוועי און עמפייער סטעיט טרעיל צו רענסעליער סיטי.

די פארענדיגונג פון די נייע בריק וואס איז ערווארטעט צו זיין ביז סוף 2026 וועט ארויפבויען אויף די הצלחה פון פאריגע פראיעקטן אינעווייניג און ארום אלבאני סיטי, אריינרעכענענדיג די אלבאני סקייוועי וואס האט איבערגעמאכט א נישט-אויסגענוצטע עקזיט ראמפע פון די צפון-ריכטונג אינטערסטעיט 787 צו ווערן א פארק וואס איז אויפגעהויבן פון די ארומיגע ערד און האט פארבינדן די שטאט צענטער צו די האדסאן ריווער; און די באקאנטע עמפייער סטעיט טרעיל.

**ניו יארק טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "די ערזעצונג פון די Livingston Avenue בריק וועט זיין א היסטארישע עררייכונג וואס וועט פארבעסערן פאסאנזשיר און פראכט באן סערוויסעס אריבער די צפון-מזרח ראיאן, און עס וועט ווידעראמאל אויפווייזן אז קיין איין סטעיט טוט נישט אזוי סאך צו צוריקבויען אירע קריטישע אינפראסטרוקטור אין וועגן וועלכע בענעפיטירן קאמיוניטיס גרויס און קליין ווי ניו יארק סטעיט אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול."

**סענאטאר טשארלס שומער האט געזאגט,** "דאס איז נאך א באדייטפולע טריט פאראויס אין די ריכטונג פון אונזער ציהל פון א נייע Livingston Avenue בריק וואס וועט פארזיכערן אומגעשטערטע באן און שיף טראפיק פאר פילע צוקונפטיגע דורות, בשעת'ן ברענגען מהפכיות'דיגע ביציקליסטן און פיסגייער

צוטריט וואס וועט צוזאמבינדן אונזערע וואסער ברעג טרעיל סיסטעמען. איך וויל אויסלויבן מיין פריינדינע, גאווערנער האקול, פאר איר פירערשאפט אויף דעם פראיעקט. די ציהל פון צענדליגע יארן איז נאענטער פון סיי ווען."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "איך האב שוין פון לאנג געשתדל'ט פאר רעלסן פארבעסערונגען אין ניו יארק, און א גרויסע טריט פאראויס צו פארזיכערן פארלעסליכע באנען אין די הויפטשטאט ראיאן איז צו ערזעצן די Livingston Avenue בריק. דער פראיעקט וועט ברענגען נייע דזשאבס, איבערבויען א קריטישע שטיקל אינפראסטרוקטור און בעסער פארבינדן ניו יארקער, און איך וועל פארזעצן צו ארבעטן צו זיכער מאכן אז ניו יארק באקומען אלע פעדעראלע אינוועסטירונגען אין די באנען וואס מיר דארפן."

**קאנגרעסמאן פאול טאנקאָו האט געזאגט,** "איך האב שוין פון לאנג געשטיצט דעם Livingston Avenue רעילראוד בריק פראיעקט וואס וועט פאראייניגן אונזערע קאמיוניטיס בשעת'ן פארשטערקערן אונזער עקאנאמיע און צושטעלן וויכטיגע סערוויסעס פאר איינוואוינער ארום די הויפטשטאט ראיאן. די היינטיגע אנאנס איז א גרויסע דערגרייכונג אין די אנגייענדע באמיאונג. איך וויל אויסדרוקן מיין דאנק פאר אלע מענטשן וועמען'ס באמיאונגען טרייבן פאראויס דעם קריטישן פראיעקט און וועמען'ס איבערגעגעבנקייט זעצט פאר צו מאכן אונזער ראיאן פאר א בעסערע פלאץ."

**סטעיט סענאטאר ניל ברעסלין האט געזאגט,** "מיט די נייעס איז דער ענווייראמענטאלער איבערבליק פראצעדור איז געקומען צום שלוס און אז די פעדעראלע רעילראוד אדמיניסטראציע האט געפונען אז עס האט נישט קיין באדייטנדע השפעה, זענען מיר יעצט איין טריט נאנטער צו זעהן דעם טראנספארמאטיוון אינפראסטרוקטור פראיעקט ווערן אויסגעפירט. איך באדאנק גאווערנער האקול און די NYS טראנספארטאציע דעפארטמענט פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו דעם פראיעקט וואס וועט בענעפיטירן דרייווערס, פיסגייער און ביציקליסטן צוגלייך."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאן ט. מעקדאנעלד דער דריטער האט געזאגט,** "די אנאנס איז א גרויסע טריט פאראויס אין די פלאן צו ערזעצן די Livingston Avenue רעילראוד בריק אין אלבאני און רענסעליער. דער פראיעקט וועט באפעסטירן די קריטישע פארבינדונג פאר פאסאנזשיר באן סערוויס אין ניו יארק סטעיט בשעת'ן אויך גיבן די געלעגנהייט צו פארבעסערן פארבינדונגען צו די אלבאני און רענסעליער וואסער ברעגעס פאר פיסגייער און ביציקליסטן. איך באדאנק גאווערנער האקול און די NYS טראנספארטאציע דעפארטמענט פאר זייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו צוריק בויען ניו יארק סטעיט'ס קריטישע אינפראסטרוקטור."

**אסעמבלי מיטגלידערין פעטרישע פעיהי האט געזאגט,** "דער Livingston Avenue בריק ערזעצונג פראיעקט ברענגט א געוואלדיג גרויסע פארשפרעך פאר די הויפטשטאט ראיאן אויף ביידע זייטן פון די מאכטפולע האדסאן ריווער. די היינטיגע נייעס אז דער פראיעקט זעצט פאר זיך צו פאראויס רוקן ווערט ווארעם באגרוסט און עס וועט אריינברענגען א נייע עפאכע פון פארבינדונג אריבער די טייך צווישן אונזערע וואקסנדע טייך ברעג קאמיוניטיס, אריינרעכענענדיג אלבאני'ס שטאט צענטער. אזוי ווי מיר זוכן צו בויען מער פיסגייער-פריינטליכע קאמיוניטיס מיט פארשידיארטיגע אייגנשאפטן אריבער אפסטעיט ניו יארק און די הויפטשטאט ראיאן, זענען פראיעקטן וועלכע נוצן אויס עקזיסטירנדע אינפראסטרוקטור און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן ווי די Livingston Avenue בריק קריטיש וויכטיג. איך קוק ארויס צו זעהן פארגעזעצטע פארשריט אויף דעם פראיעקט, און איך לויב אויס די ברייטע רייע פון פארמישטע פארטייען וועלכע ארבעטן פלייסיג דאס דורכצופירן."

**אלבאני קאונטי עקזעקיוטיוו, דעניעל פ. מעקקאָי, האט געזאגט,** "היינט איז נאך א וויכטיגע טריט אין די ערזעצונג פון די Livingston Avenue בריק, א וויכטיגע שטיקל אינפראסטרוקטור וואס איז געווארן אן

איבערבלייבעניש פון די פארגאנגענהייט נאך צופיל יארן פון פארנאכלעסיגונג. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פארן שנעלערהייט מאכן די איניציאטיוו פאר א פריאריטעט, אזאנס וואס וועט דראמאטיש פארבעסערן באן טראנספארטאציע, פארברייטערן פארוויילונג געלעגנהייטן מיט א וועג פאר פיסגייער און ביציקליסטן און פארשטערקערן אונזער לאקאלע און ראיאנישע עקאנאמיע. דורכן פארבעטן די פובליק צו אריינרעדן און דורכפירן אן ענווייראמענטאלע איבערבליק ווי עס דארף צו זיין, בין איך פרייליך אז דער פראיעקט ווערט נישט סתם געמאכט נאר עס ווערט געמאכט אויפן ריכטיגן אופן."

**אלבאני מעריאר קעטי שיהען האט געזאגט,** "די היינטיגע דערגרייכונג ברענגט אונז איין טריט נאענטער צו די לאנג-ערווארטעטע ערזעצונג פון די Livingstone Avenue רעילראוד בריק. די 400 מיליאן דאלארדיגע צוזאג פון גאווערנער קעטי האקול – צוזאמען מיט די 16 ביליאן דאלאר פארזיכערט דורך סענאט מאיאריטעט פירער טשאָק שומער פאר Amtrak אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען איבערן גאנצן לאנד – וועט העלפן פארענדיגן דעם פראיעקט וואס איז גרייט צו אנהויבן ארבעט און וועט נישט נאר אויפלעבן די בריק וואס געפונט זיך נעבן די נייע מערסט פארנומענע באן סטאנציע אין דאס לאנד, נאר עס וועט אויך שאפן א פיסגייער- און ביציקליסטן-פריינטליכע וועג אריבער די האדסאן ריווער, נאך מער פארבינדנדיג אלבאני און אונזער טייך ברעגע מיט פלעצער אויף די מזרח זייט. איך באדאנק גאווערנער האקול און די NYS טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער דאמינגעז פאר זייער פירערשאפט, און איך באדאנק די פעדעראלע רעילראוד אדמיניסטראציע פאר זייער געפונס וואס רוקט פאראויס דעם ערזעצונג פראצעדור."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418